פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# ווי אזוי צו נוצן אייער CADD®-Solis VIP פּאמפּ

די אינפארמאציע ערקלערט וואס אייער CADD®-Solis VIP פּאמפּ איז, ווי אזוי עס צו נוצן, און ווי אזוי עס אראפצונעמען פון אייער CVC.

## ווען אייער CADD-Solis VIP פּאמפּ

אייער CADD-Solis VIP פּאמפּ איז א קליינע, באטעריע-געטריבענע פּאמפּ. עס ווערט גענוצט צו שיקן פליסיגקייטן, מעדיצינען, און כעמאטעראפיע דורך אייער אדערן (זעט בילד 1).




בילד 1. CADD-Solis VIP פּאַמפּ

אייער CADD-Solis VIP איז פארבינדן מיט אייער צענטראלע ווינעס קאטעטער (CVC). עס זענען פארהאן 3 הויפט סארטן CVC'ס:

- טונעלד טשעסט קאטעטערס.
- פעריפערעלי אריינגעלייגטע צענטראלע קאטעטערס (PICC'ס).
- איינגעפלאנצטע פארטס (אזוי ווי Medi-Ports®).

אויב איר זענט נישט זיכער וועלכע סארט CVC איר האט, פרעגט אייער העלטקעיר פראוויידער.

## ווען אייער אינפוזיע

אייער CADD Solis פּאמפּ שיקט מעדיצינען דורך אן אינפוזיע. אַן אינפוזיע איז ווען מעדיצין ווערט אייַנ אַריינגעפירט אין די בלוט שטראָם דורך אַן אָדער במשך אַ געוויסע צייט.

במשך די אינפוזיע, שטעלט די פּאָמפּ ביי אָדער העכער פון אייער האַרץ שטאַפּל. לייגט די פּאמפּ נעבן אייך אויף אייער בעט ווען איר שלאפט. לייגט נישט די פּאמפּ אויפן ערד. די פּאמפּ ארבעט די בעסטע ווען עס איז ביי אדער העכער פון אייער הארץ שטאפל.

### אלארעמס אויף אייער CADD-Solis VIP פּאמפּ

אייער פּאַמפּ האָט פֿאַרשידענע אַלאַרעמס וואָס וועלן אייך אַלאַרמירן איבער סיי וועלכע פּראָבלעמען. דער אַלאַרעם וועט אויפֿהערן קלינגען איינמאָל די פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרן. לייענט CADD®-Solis VIP Alarm Help Guide (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/cadd-solis-vip-alarm-help-guide) צו לערנען מער איבער די פארשידענע אלארעמס און וואס צו טון ווען זיי פאנגען אן צו פייפן. אויסצוגעפונען מער, רופט אייער העלטקעיר פראוויידער.

### וואס צו טון ווען אייער אינפוזיע איז געענדיגט

ווען אייער אינפֿוזיע ענדיגט זיך, וועט איר דאַרפֿן אַראָפּנעמען די CADD-Solis VIP פּאַמפּ פֿון די CVC ליניע.

איר וועט וויסן ווען אייער אינפוזיע איז געענדיגט ווען אייער CADD-Solis VIP פאמפ פייפט. דער דיספלעי סקרין וועט ווייזן "reservoir volume 0" אייער פאמפ וועט ווייזן "infusion complete". אייער באהאנדלונג וועט זיין געענדיגט אפילו עס איז נאך דא פליסיגקייט אינעם זעקל.

דאָס זאָל פּאַסירן נאָנט צום דאַטום און צייט וואָס אייער העלטקעיר פּראָווײַדער שרייבט אונטן אָן.

| | |
|---|---|
| דאַטום | ____________ |
| צייט | ______________ |

פאלגט אויס אייער העלטקעיר פראווידער'ס אנווייזונגען איבער וואס צו טון ווען אייער אינפוזיע איז געענדיגט. אויב אייער העלטקעיר פראווידער זאגט אייך ארויסצונעמען און אראפפלאשן אייער CADD-Solis VIPפאמפ נאך אייער אינפוזיע, דאן פאלגט אויס די שריט אין דעם אנווייזונג. מיר וועלן ערקלערן וויאזוי אראפצונעמען אייער פאמפ נאך נאן-כעמאטעראפיע אינפוזיעס און נאך כעמאטעראפיע אינפוזיעס.

## וויאזוי ארויסצונעמען אייער CADD-Solis VIPפאמפ נאך אייער נאן-כעמאטעראפיע אינפוזיע

פאלגט אויס די שריט ארויסצונעמען אייער CADD-Solis VIP פאמפ.

### מאכט אייך גרייט

1. ריינינגט א פלאַץ אויפצושטעלן אייער סופלייס, אזוי ווי אייער קאך טיש. נעמט נישט ארויס אייער CADD-Solis VIP פאמפ אינעם באָד־צימער.
2. זאַמלט צונויף די סופלייס. די סופלייס וועט אייער העלטקעיר פּראָווײַדער אייך געבן אָדער באַשטעלן. איר וועט דאַרפֿן
   - א הארטע פלעסטיק האלטער מיט אן ענג-צוגעפאסטע דעקל, אזוי ווי א פלעסטיק קאווע האלטער. שרייבט "כעמאטעראפיע" אדער "שארפס" אויפן האלטער.

- מאכט זיכער אז די האלטער איז גענוג הארט אז נאדלער זאלן זיך נישט ארויסשטעקן פון די זייטן.
- נוצט נישט פלעסטיק אדער פאפירענע זעקלעך אדער א מילך האלטער.
  - 1 (10 mL) סירינדזש אנגעפילט פון פארדעם מיט נארמאלע סעילין.
  - איין פאר מעדיצינישע הענטשיך.
  - 1 דיסינפעקציע דעקל (אזוי ווי א ®CurosCap).
  - 2 אלקאהאל פעדס.
  - 1 גאוז פעד.

3. דרוקט די "stop/start" קנעפל אויפן פאמפ און דאן דריקט "Yes." נעמט ארויס די 4 באטעריעס פונעם פאמפ דורך דרייען דעם שלאס אויפן באטעריע טיר. די באטעריע טיר געפונט זיך אויבן פונעם פאמפ.

נעמט אראפ די טובינג.

4. דאן, נעמט אראפ די פאמפ טובינג פון אייער CVC. די טובינג איז באהאפטן צו א נאדל-לאזע באהעפטער (וואס ווערט טייל מאל אנגערופן א קלעיוו). דאס איז די טייל פונעם IV טובינג וואס איז באהאפטן צו אייער CVC.
5. רייניגט גוט אייער הענט מיט זייף און וואסער אדער אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער.
   - אויב איר וואַשט זיך די הענט מיט זייף און וואַסער, מאַכט די הענט נאַס און זייפּט זיי אָן. רייבט גוט די הענט במשך כאָטש 20 סעקונדעס און שווענקט אויס. טריקנט אפ אייער הענט מיט א פאפירענע האנטוך. נוצט דעם זעלבן פאפירענע האנטוך צו פארמאכן דעם קראן.
   - אויב איר נוצט אלקאהאל באזירטע האנט סאניטייזער, מאכט זיכער צוצודעקן אייער הענט דערמיט. רייבט זיי צוזאמען ביז זיי זענען טריקן.
6. טוט אָן די הענטשיך.
7. מאכט אייער סעילין סירינדזש גרייט. כדי דאָס צו טאָן
   - הייבט אויף דעם סעילין סירינדזש. האַלט עס מיט'ן שפּיץ אָנגעשטעלט אויף אַרויף.
   - מאכט לויז דעם דעקל, אבער נעמט עס נישט אראפ.
   - דריקט אויף דעם שטופער איידלערהייט כדי אַרויסצושטופּן לופּט פון דעם שפּריצער.
   - מאַכט דעם דעקל פעסט צו.
   - לייגט דעם סירינדזש אראפ אויף א ריינעם ארט.
8. פאלגט די קלארע CADD-Solis VIP פאמפ טובינג ביז וואו עס באהעפט זיך צו דעם נאדל-לאזע באהעפטער אויף אייער CVC. קלעמפט גוט די פאמפ טובינג.
9. מאכט אויף די גאוז פעד. נוצט עס צו דרייען דעם CADD-Solis VIP פאמפ טובינג קאונטער-

קלאקווייז (צו די לינקס) עס צו אראפנעמען פונעם נאדל-לאזע באהעפטער.

10. לייגט דעם פאמפ און טובינג צוריק אינעם טאשקע וואס אייער פאמפ איז געקומען אין. זיפט עס צו.

11. רייניגט דעם נאדל-לאזע באהעפטער מיט אן אלקאהאל פעד במשך 15 סעקונדעס. לאָזט עס אויסטרוקענען במשך 15 סעקונדעס.

12. נעמט אראפ דעם דעקל פונעם סעילין סירינדזש דורך עס דרייען קאונטער-קלאקווייז.

13. שטופט דעם שפריצער אריין אין דעם נאדל-לאזע באהעפטער און דרייט עס ווי די זייגער (צו רעכטס).

## פלאשט דעם קאטעטער

14. פלאשט דעם קאטעטער מיט 10 mL פון סעילין. דרוקט 1 mLאריין אויף א מאל און נעמט א קורצע פויזע צווישן אריינדרוקן יעדע mL.




בילד 2. פאַרמאַכטער קלעמפ

15. קלעמט איין אייער CVC (זעט בילד 2).

16. דרייט דעם ליידיגן שפריצער צו לינקס כדי עס ארויסצונעמען פונעם נאדל-לאזע באהעפטער.

## רייניגט

17. מאַכט אויף דעם דיסינפעקציע דעקל. לייגט עס אויפן נאדל-לאזע באהעפטער דורכן עס שטארק אריינדרוקן און עס דרייען רעכטס.

18. לייגט אלע גענוצטע סופלייס אין א פלעסטיק האלטער און לייגט ארויף דעם דעקל. אויב איר נעמט אויך אראפ אייער איינגעפלאנצטע פארט יעצט, לייענט *How to Take the Needle Out of Your Implanted Port* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/how-to-take-needle-out-of-your-implanted-port). איר קענט בלייבן מיט די זעלבע הענטשיך צו פלאשן.

געדענקט מיטצוברענגען אלע אייער סופלייס צו אייער קומענדיגן באזוך. דאס רעכנט אריין אייער טאשקע, CADD-Solis VIPפאמפ, און טובינג.

# אראפנעמען אייער CADD-Solis VIP פאמפ נאך אייער כעמאטעראפיע אינפוזיע

פאלגט אויס די שריט אראפצונעמען אייער CADD-Solis VIP פאמפ אינפוזינג כעמאטעראפיע.

## מאכט אייך גרייט

1. רייניגט א פלאץ אויפצושטעלן אייער סופלייס, אזוי ווי אייער קאך טיש. נעמט נישט ארויס אייער CADD-Solis VIP פאמפ אינעם באָד־צימער.
2. זאַמלט צונויף די סופּלייס. די סופּלייס וועט אייער העלטקעיר פּראָווײדער אייך געבן אָדער באַשטעלן. איר וועט דאַרפֿן
   - א הארטע פלעסטיק האלטער מיט אן ענג-צוגעפאסטע דעקל, אזוי ווי א פלעסטיק קאווע האלטער. שרייבט "כעמאטעראפיע" אויפן האלטער.
     - מאכט זיכער אז די האלטער איז גענוג הארט אז נאדלעך זאלן זיך נישט ארויסשטעקן פון די זייטן.
     - נוצט נישט פלעסטיק אדער פאפירענע זעקלעך אדער א מילך האלטער.
   - 1 (10 mL) סירינדזש אנגעפילט פון פארדעם מיט נארמאלע סעילין.
   - 1 נקיבה באהעפטער Equashield פארמאכטע-סיסטעם דיווייס (אויב איר זענט א קינדער פאציענט).
   - איין פאר מעדיצינישע הענטשיך.
   - 2 אלקאהאל פעדס.
   - 1 גאוז פעד.
3. רייניגט גוט אייער הענט מיט זייף און וואסער אדער אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער.
   - אויב איר וואַשט זיך די הענט מיט זייף און וואַסער, מאַכט די הענט נאַס און זייפּט זיי אָן. רייבט גוט די הענט במשך כאָטש 20סעקונדעס און שווענקט אויס. טריקנט אפ אייער הענט מיט א פאפירענע האנטוך. נוצט דעם זעלבן פאפירענע האנטוך צו פארמאכן דעם קראן.
   - אויב איר נוצט אלקאהאל באזירטע האנט סאניטייזער, מאכט זיכער צוצודעקן אייער הענט דערמיט. רייבט זיי צוזאמען ביז זיי זענען טריקן.
4. טוט אָן די הענטשיך.
5. מאכט אייער סעילין סירינדזש גרייט. כדי דאָס צו טאָן
   - הייבט אויף דעם סעילין סירינדזש. האַלט עס מיט'ן שפּיץ אָנגעשטעלט אויף אַרויף.
   - מאכט לויז דעם דעקל, אבער נעמט עס נישט אראפ.
   - דריקט אויף דעם שטופער איידלערהייט כדי אַרויסצושטופן לופֿט פֿון דעם שפּריצער.
   - מאַכט דעם דעקל פֿעסט צו.
   - שטעלט דעם סירינדזש אראפ אויף א ריינעם ארט

6. אויב איר זענט נישט א קינדער פאציענט, גייט ווייטער צו שריט 7.

- **אויב איר זענט א קינדער פאציענט**, וועט איר האבן א פולע Equashield פארמאכטע-סיסטעם מיט זכר און נקיבה באהעפטערס. פאלגט אויס די אנווייזונגען דא צו באקומען מאכן אייער סעילין סירינדזש און Equashieldבאהעפטער גרייט. דאן גייט ווייטער צו שריט 7:
  - עפנט דעם Equashieldנקיבה באהעפטער אבער לאזט עס אינעם פעקל.
  - הייבט אויף דעם סעילין סירינדזש. האַלט עס מיט'ן שפּיץ אָנגעשטעלט אויף אַרויף.
  - מאכט לויז דעם דעקל, אבער נעמט עס נישט אראפ.
  - דריקט אויף דעם שטופּער איידלערהייט כדי אַרויסצושטופּן לופֿט פֿון דעם שפּריצער.
  - נעמט אראפ די דעקל.
  - באהעפט די סעילין סירינדזש צום Equashield באהעפטער. דאס צו טון, לייגט די שפיץ אריין אינעם ליור שלאס באהעפטונג און דרייט עס קלאקווייז (צו די רעכטס) ביז עס איז שטייף.
  - לייגט דעם סירינדזש אראפ אויף א ריינעם ארט.

7. פאלגט די קלארע CADD-Solis VIPפאמפ טובינג ביז וואו עס באהעפט זיך צו דעם נאדל-לאזע באהעפטער אויף אייער CVC.

- **אויב איר זענט א קינדער פאציענט** פאלגט אויס די שריט דא און דאן גייט צו שריט 8:
  - נעמט אראפ די נקיבה באהעפטער פונעם זכר באהעפטער דורך אריינדריקן די רויטע און ווייסע טעב. שלעפט די 2באהעפטער אוועק איינע פון די אנדערע.
  - באהעפט די סעילין סירינדזש (מיט די נקיבה באהעפטער באהאפטן) צו די CVC. דאס צו טון, פארט די רויטע שטרייפן אויף די נקיבה קאנעקטאר צו די רויטע שטרייפן אויף די זכר קאנעקטאר (רויטע און ווייסע טעב). דרוקט זיי צוזאמען ביז איר הערט א קליק און איר קענט זיי נישט צוטיילן אן אריינדריקן די טעב.

### פלאשט דעם קאטעטער

8. פלאשט דעם קאטעטער מיט 10 mL פון סעילין. דרוקט 1 mLאריין אויף א מאל און נעמט א שנעלע פויזע אינצווישן אריינדריקן יעדע mL.

9. פאַרמאַכט דעם צווייטן קלעמפּ (דער וואָס איז דער נאָנסטער צו אייער קערפּער) אַזוי אַז עס זאָל דריקן אויף די קלאָרע טובינג.

10. דרייט די ליידיגע סירינדזש קאונטער קלאקווייז (צו די לינקע זייט) עס ארויסצונעמען פון די נאדל-לאזע באהעפטער.

- **אויב איר זענט א קינדער פאציענט**, דרייט די Equashield פארמאכטע סיסטעם דיווייסעס קאונטער קלאקווייז עס ארויסצונעמען פון די נאדל-לאזע באהעפטער.

- אייער נאדל-לאזע באהעפטער וועט בלייבן באהאפטן צו אייער CVC. נעמט אראפ די זכר באהעפטער, נקיבה באהעפטער, און סירינדזש אלע צוזאמען. ווען איר האט געענדיגט, גייט ווייטער צו שריט 11.

**רייניגט**

11. מאַכט אויף דעם דיסינפֿעקציע דעקל. לייגט עס אויפן נאדל-לאזע באהעפטער דורכן עס שטארק אריינדרוקן און עס דרייען רעכטס.
12. לייגט אלע גענוצטע סופלייס אין א פלעסטיק האלטער און לייגט ארויף דעם דעקל. אויב איר נעמט אויך אראפ אייער איינגעפלאנצטע פארט יעצט, לייענט *How to Take the Needle Out of Your Implanted Port* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/how-to-take-needle-out-of-your-implanted-port). איר קענט בלייבן מיט די זעלבע הענטשיך צו פלאשן.

געדענקט מיטצוברענגען אלע אייער סופלייס צו אייער קומענדיגן באזוך. דאס רעכנט אריין אייער טאשקע, CADD-Solis VIP פאמפ, און טובינג.

## קאנטאקט אינפארמאציע

**קינדער סערוויס**אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, פארבינדט זיך דירעקט מיט א מיטגליד פון אייער קעיר טיעם. איר קענט צוקומען צו א שטאב מיטגליד מאנטאג ביז פרייטאג פון 7 צופרי ביז 7 נאכמיטאג. נאך 7נאכמיטאג, און דורכאויס דעם וויקענד, און ביי חגאות, רופט 212-639-2000 בעט פאר דער קינדער דאקטער וואס דעקט אייער דאקטאר. רופט InfuSystem אויף 800-315-3287 מיט פראגעס וועגן אייער פאמפ.

**ערוואקסענע סערוויס**:אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, פארבינדט זיך דירעקט מיט א מיטגליד פון אייער קעיר טיעם. איר קענט צוקומען צו א שטאב מיטגליד מאנטאג ביז פרייטאג פון 9& צופרי ביז 5 נאכמיטאג. נאך 5נאכמיטאג, און דורכאויס דעם וויקענד, און ביי חגאות, רופט 212-639-2000 בעט פאר די דאקטאר וואס דעקט אייער דאקטאר. רופט InfuSystem אויף 800-315-3287 מיט פראגעס וועגן אייער פאמפ.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---

How To Use Your CADD®-Solis VIP Pump - Last updated on February 16, 2026
אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

**לעצט אַפּדעיטעד**
פֿעברואַר 16, 2026
Learn about our Health Information Policy.

## זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט

## זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט

Your feedback will help us improve the educational information we provide. אייער זאָרג מאַנשאַפֿט קען נישט זען גאָרנישט וואָס איר שרייבט אויף דעם פֿידבעק פֿאָרעם. ביטע ניצט עס נישט צו פרעגן וועגן אייער זאָרג. אויב איר האָט פֿראַגעס וועגן אייער זאָרג, קאָנטאַקט אייער געזונטהייטס פאַרזאָרגער.

כאָטש מיר לייענען אַלע פֿידבעק, קענען מיר נישט ענטפֿערן קיין פֿראַגעס. ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער קיין פערזענלעכע אינפארמאציע אויף דעם פידבעק פאָרעם.

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

- יא
- עטוואס
- נייןNo

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע.

אײנגעבן